בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת פקודי - החודש
שנת תשפ"ה

גליון
ק"א

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ נָאךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית הַשֵּׁם. גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין.

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַפָּאר וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת וָואס אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא, גֶעבּ אִיךְ יֶעצְט דֶעם שִׁיעוּר בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט עֶס גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר אַלֶע לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא.

### אַ מַאמֶע אָדֶער אַ לֶערֶערִין?

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען וִויסְן: עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער; צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּה.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בְּרִיוְון פוּן לֶערֶערִינְס וָואס פְרֶעגְן, זֵיי זֶענֶען צֶעמִישְׁט, אֵיין מָאל שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה: **"דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר אַ פְרוֹי אִיז צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים"**, נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר לֶערֶערִינְס: **"דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין"**, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ זַיין אַ מַאמֶע פַאר קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים! - בַּאלְד בְּלַייבְּן מִיר אָן לֶערֶערִינְס... נָאר וָואס דֶען? עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס דָאס גֵיין אִין שׁוּלֶע שְׁטֶערְט זֵיי נִישְׁט פוּן זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, נָאר עֶס אִיז גָאר פַארְקֶערְט, אַ טָאג וָואס מֶען גֵייט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן - טוּט מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, אוּן אַ טָאג וָואס מֶען גֵייט אִין שׁוּלֶע, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צוּפְרִי, מֶען גֵייט אִין שׁוּלֶע לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים הָאט מֶען כֹּחַ וַוייטֶער צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, דִי טֶעג קוּמְט מֶען אָן אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן. אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי - לוֹינְט זִיךְ טַאקֶע אַרוֹיסְצוּגֵיין אַבִּיסְל אַרְבֶּעטְן, כְּדֵי צוּ זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים.

### דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶער 'בֵּית פֵיגָא'

אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער שׁוּלֶע 'בֵּית פֵיגָא'; פַאר אֵיין סִיבָּה: צוּ פְרֶעדִיגְן אֱמוּנָה! דִי גַאנְצֶע טָאג זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**, **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"מִיר טוּעֶן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, **"מִיר קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר גֵייעֶן בַּאלְד צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

אוֹיף יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אַ קִינְד פְרֶעגְט: **"אָבֶּער טִיטְשֶׁער, פַארְוָואס דַארְף מֶען דָאס אוּן דָאס טוּן?"** דַארְף זַיין דֶער עֶנְטְפֶער: **"וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן"**; אִין יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען אַרַיינְדְרֵייעֶן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, פו): **"כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה"**, אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאר צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא, אַז 'אֱמוּנָה' זָאל זַיין דֶער עִיקָר לִימוּד. אַוַודַאי דַארְף מֶען אָנְטוּן דֶעם טָאג מִיט אַ 'סֵדֶר הַיּוֹם', מֶען עֶסְט פְרִישְׁטָאג, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֶערְנְט עִבְרִי, מֶען קָאלִירְט, - דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר ווּאוֹיל, אָבֶּער דֶער עִיקָר שֶׁבָּעִקָּרִים פוּן אַלֶעס אִיז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

אִינֶעם בִּיכְל וואוּ מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן דֶער נוֹשֵׂא וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען, צִי עֶס אִיז פַּרְשָׁה, אָדֶער רֶעכֶענֶען, אָדֶער הִיסְטָארִיעֶ, דַארְף מֶען זִיךְ צוּצֵייכֶענֶען אִין דִי זַייט אַ דֶערְמַאנוּנְג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'.

### גוּטֶע וֶוערְטֶער - אֲפִילוּ פַאר דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן אַלֶע חָשׁוּבְ'עֶ לֶערֶערִינְס, גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, בּוֹיט אוֹיף דִי קִינְדֶער.

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ קִינְד וַוארְפְט צוּרִיק דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער. עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"דִי טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ"**, אָדֶער: **"קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ"**, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט; גֶעבְּט פַאר דֶעם קִינְד נָאךְ אַ גוּט וָוארְט, זָאגְט אִיר: **"בִּיסְט אַ ווּאוֹיל קִינְד"**. מִיט אֵיין גוּט וָוארְט קֶען מֶען אוֹיפְטוּן גָאר אַסַאךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, רֶעדְט מֶען נִישְׁט נָאר פוּן דִי קִינְדֶער וָואס טוּעֶן אַלֶעס וָואס דִי לֶערֶערִין הֵייסְט, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס טוּעֶן זַאכְן וָואס קֶענֶען אֶפְשָׁר וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'חוּצְפָּה'...

אִיךְ וֶועל מַסְבִּיר וָואס אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן: פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען וִויסְן אַז 'חוּצְפָּה' קֶען מֶען נִישְׁט פַארְהַאנְדְלֶען, עֶס מוּז זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'! אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען נִיצְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן הַארְץ, אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען קְלֶערְט עֶס אִיבֶּער מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט הַארְץ זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה. יֶעדֶע רִיר וָואס אַ קִינְד טוּט קֶען מֶען אָנְרוּפְן: **"חוּצְפָּה"**, אָבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ צִי מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אָדֶער נִישְׁט; אַ טָאג וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיף בַּיינַאכְט אִיז יֶעדֶע זַאךְ 'חוּצְפָּה', 'חוּצְפָּה', 'חוּצְפָּה', אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין סְטְרַאשֶׁען דִי קִינְדֶער: **"אִיךְ גֵיי רוּפְן דַיין מַאמֶע"**, **"גֵיי אַרוֹיס פוּן כִּתָּה"**, וִוידֶער אַ טָאג וָואס מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּט, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעגֶעסְן אַ גוּטֶע קוּקִי, אוּן אַ גוּטֶע אֵייזְקְרִיעֶם, אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן וואוֹיל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְחוּצָפִּים... פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ, פוּן דִי קִינְדֶער וָואס טוּעֶן זַאכְן וָואס מִידֶערְהֵייט, אוּן אָן שֵׂכֶל אוּן הַארְץ, זֶעעֶן זֵיי אוֹיס וִוי 'מְחוּצָפִים', זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט.

### אַ גוּט וָוארְט גֶעדֶענְקְט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְן

דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען, 'וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן דְרִיטֶע קְלַאס?' 'וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן פִיפְטֶע קְלַאס?' 'וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן זִיבֶּעטֶע קְלַאס?' - עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אוֹיסֶער דִי לֶערֶערִין וָואס הָאט מִיר אֵיין מָאל גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין אַ וואוֹיל קִינְד! מֶען קֶען אַ גַאנְץ יָאר פָארְלֶערְנֶען אַ לִימוּד אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקֶען פוּן דֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען זָאגְט כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ יָאר אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ קִינְד: **"בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד"**, **"בִּיסְט אַ גוּט קִינְד"**, וֶועט זִי עֶס גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ לֶעבְן.

אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר; וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן כִּתָּה ג'? וָואס גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן כִּתָּה ד'? עֶס אִיז אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַפָּאר יָאר פַאר מֶען הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי זַאךְ פוּן אִיבֶּערְלֵייגְן אַ כִּתָּה, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ פוּן אִיבֶּערְגֵיין אַ כִּתָּה, מֶען אִיז יֶעדֶע יָאר אַרוֹיף אַ כִּתָּה, הַיינְט נֶעמְט מֶען דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט דִי בְּחִינוֹת אוּן מֶען לֵייגְט זֵיי אִיבֶּער אַ כִּתָּה. וֶוען דָאס וָואלְט גֶעוֶוען אִין מַיינֶע צַייטְן וָואלְט אִיךְ נָאךְ אֶפְשָׁר גֶעוֶוען הַיינְט אִין חֶדֶר... אֵיין זַאךְ גֶעדֶענְק אִיךְ פוּן כִּתָּה ג', אַז מַיין מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, עֶר הָאט מִיךְ אַרוּמְגֶעטְרָאגְן צוּ אַלֶע כִּיתּוֹת אוּן גֶעוִויזְן אַז אִיךְ בִּין 'אַ גוּט קִינְד' וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ עֶפֶּעס פַארְהֶערְט בַּיים מְנַהֵל; מֶער פוּן דֶעם גֶעדֶענְק אִיךְ גָארְנִישְׁט.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער.

### מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע טָאג

וְעַל כּוּלָּם וִויל אִיךְ הַיינְט רֶעדְן פוּן נָאךְ אֵיין נְקוּדָה, אוּן אִיךְ וֶועל מִיט דֶעם עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּנֶעמֶען מֶער צַייט פוּן עֶנְקֶער הַפְסָקָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): **"הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל"**, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת.

פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ תְּפִלָּה. מֶען קֶען עֶס אֲפִילוּ טוּן בַּיים טִיר פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, קִינְדֶער מֶעגְן זֶען וִוי דִי לֶערֶערִין אִיז מִתְפַּלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג. אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין טְבֶרְיָה קוּמֶען דִי לֶערֶערִינְס אִין שׁוּלֶע צוּפִיס, אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִין קִרְיַת יוֹאֵל קוּמְט מֶען מִיט אַ קַאר, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט וָואס אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע טָאג"**, **"הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, נָאר אִיךְ זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד"**, **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ מִיט דֶעם קִינְד? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם קִינְד? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ לִיבּ הָאבְּן דֶעם קִינְד? אִיךְ מָשַׁל זִיךְ אוֹיס וֶוען דָאס וָואלְט גֶעוֶוען מַיינְ'ס אַ קִינְד, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט אִיר טִיטְשֶׁער זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִיר, בֶּעט אִיךְ דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט יֶענֶעמְ'ס קִינְד"**, **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גוּט קֶענֶען פָארְלֶערְנֶען דֶעם לִימוּד, מֶען זָאל עֶס מִיטְהַאלְטְן אוּן מֶען זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין"**, **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ לִיבּ הָאבְּן, עֶס זָאל זַיין חֵן צְוִוישְׁן מִיךְ אוּן דִי קִינְדֶער"**,

אַ טָאג וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, הָאט מֶען אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג.

### פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן...

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁידוּךְ וָואס הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט וֶוערְן, דִי 'דוֹר יְשָׁרִים' טֶעסְט הָאט גֶעקְלַאפְּט, אַלֶעס הָאט גֶעקְלַאפְּט, מֶען הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט דִי 'לְחַיִּים', אָבֶּער דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ עֶפֶּעס צֶעהַאנְקֶערְט וֶועגְן דִי לְבוּשׁ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיקְל שְׁמוּעֶס צְוִוישְׁן מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶערֶעכְט... הָאט זִיךְ מַיין מַאמֶע אָנְגֶערוּפְן: **"קֵיינֶער אִיז דָא נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט מִיט יֶענֶעם, מֶען הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן!"** אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם אוֹיסְדְרוּק, וַוייל אַסַאךְ מָאל מֵיינְט מֶען אַז אַלֶעס קְלַאפְּט, דֶער שַׁדְכָן זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז מְסוּדָּר, מֶען קֶען גֵיין צוּם שִׁידוּךְ, אוּן מֶען הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן צוּ שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף"**, **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף"**.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט חִינוּךְ, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מְלַמֵּד, אַ גֶעלוּנְגֶענֶע לֶערֶערִין, אַ גֶעלוּנְגֶענֶע מְנַהֶלֶת, אַלֶעס קְלַאפְּט, אָבֶּער מֶען הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן, צוּ שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין"**.

גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, מִיט אַ חַיּוּת, מִיט קוּקְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד פַּאזֶעטִיוו. יֶעדֶער זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט, אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, 'אִיךְ בִּין אַ גוּטֶע לֶערֶערִין'. אוּן מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דֶעם צִיל פוּן אוּנְזֶער בֵּית פֵיגָא, מֶען זָאל רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֱמוּנָה אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הִיט זִיךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן פוּן פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד – אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן. נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוען אֵיינֶער פַּאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי אִיסוּר פוּן עֶסְן נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת, אוֹיבּ עֶסְט עֶר אַ כְּזַיִת חֲזִיר אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דִי כְּזַיִת – אֵיין מָאל אַ לַאו, עֶסְט עֶר נָאךְ אַ כְּזַיִת – אִיז עֶר עוֹבֵר נָאךְ אֵיין לַאו, אָבֶּער דֶער וָואס הָאט פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן – אִיז עֶר עוֹבֵר יֶעדֶע רֶגַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי לַאו פוּן ״לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ״ (וַיִּקְרָא יט, יז).

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג – וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב – פוּן כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת; עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלֶע הֲכָנוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט צוּ מִיט כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער. נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲכָנוֹת, נֶעם זֵיי צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי, נֶעם זֵיי מִיט אַיינְקוֹיפְן, רוּף זֵיי וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיין קַאר וְכוּ׳; זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְּרֵיי אָן קַיין הַשְׁגָחָה. קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וִויפִיל מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין זֵיי אוּן וִויפִיל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת; קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; יֶעדֶער הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אַ שָׁאד צוּ דִמְיוֹנֶ׳ען פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם. קוּם אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה. דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת נָזִיר בַּבְלִי, אוּן מַסֶּכֶת דְּמַאי פוּן יְרוּשַׁלְמִי; זֵיי דוּ אוֹיךְ פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. לֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, לֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ פָארְן זוּנְטָאג נָאךְ פֶּסַח פַאר צְוֵוי טֶעג קַיין פוֹילְן אוֹיסְ׳פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): ״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ״ג)

## זָאל מֶען גֶעבְּן כָּשֵׁרְ׳עֶ ווִידִיאָס פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ סְגַן מְנַהֵל אִין אַ מוֹסָד פַאר קִינְדֶער פוּן נוֹירְסֶערִי בִּיז כִּתָּה ד׳, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן נַייעֶ חִידוּשִׁים וְוִיאַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער.

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אִיז דָא אַ פְּרָאגְרַאם דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין ווּאוֹיל אִינְדֶערְהֵיים, אַז מֶען שִׁיקְט אַהֵיים יֶעדֶע וָואךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְנוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוּנְז זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם. אוֹיךְ שִׁיקְן מִיר סִידִי׳ס פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים.

לֶעצְטְנְס הָאבְּן עֶלְטֶערְן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דִי מוֹסָד קֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן ווִידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן פוּן דִי פַּרְשָׁה, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע וִכּוּחַ צִי מֶען זָאל עֶס טוּן אָדֶער נִישְׁט, טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז אַזוֹי וִוי רוֹב עֶלְטֶערְן וַוייזְן מִמֵּילָא אִידִישֶׁע פְּלֶעיס וְכַדּוֹמֶה פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז יָא כְּדַאי אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן עֶרְלִיכֶע ווִידִיאָס, אָבֶער אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס קוּמְט אָפִיצִיעֶל פוּן דִי מוֹסָד גֶעבְּט עֶס אַ בְּלִיק כְּאִילוּ ווִידִיאָס אִיז מוּתָּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז יָא אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער, וְוִיל אִיךְ הֶערְן פוּן דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נַייעֶ חִידוּשִׁים?! וָואס פַאר אַ נַייעֶ חִידוּשִׁים? מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ קַיין נַייעֶ וֶועגְן, מִיר גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רסד; שצב): ״אִיךְ פִיר אַייךְ אוֹיף אַ נַייעֶם וֶועג וָואס אִיז אַן אַלְטֶער וֶועג, אוֹיף דֶעם וֶועג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ״.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ מְנַהֵל טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת; דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מְנַהֵל. אַ מְנַהֵל וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי מְלַמְּדִים וֶועלְן זֵיי אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, זֵיי וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר אַרְבֶּעט. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער טֶעגְלִיךְ פַאר אַלֶע דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס – דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי אֲפִילוּ אַ וָוארְט צְוֵוי, דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן מוּט אָנְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מְלַמֵּד – דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. רוֹב מָאל וֵייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער; דִי עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצֶע וָואךְ, זֵיי וֵייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל קִינְדֶער, זֵיי וֵייסְן נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען מְחַזֵּק זַיין אִיז דֶער מְנַהֵל.

וַוייז נִישְׁט פַאר קִינְדֶער קַיין שׁוּם מָאוִוי״ס

אוּן קַיין שׁוּם וִוידִיאוֹ״ס, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִידִישֶׁע אָדֶער חֲסִידִישֶׁע; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וַוייזְן מְמֵילָא פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דָאךְ עֶרְשְׁט אַ סְבָרָא נִישְׁט צוּ וַוייזְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין אַפָּאר מִינוּט אִין חֵדֶר גֶעזוּנְט אוּן זֶען זַאכְן פָארְן, קוּמֶען, גֵייעֶן וְכוּ׳; קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ הַייקֶעלֶע מֹחַ, דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

וַוייז נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר הָאט מֶען גֶעוִויזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ וִוידִיא״וֹ אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן חִינוּךְ.

הֶער נִישְׁט אוֹיס מָאדֶערְנֶע חֲסִידִים; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס אוּנְזֶערֶע רֶבִּי״ס הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּרָא תשפ״א)

## מַיין בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה, וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

עֶס קוּמְט בֵּין הַזְּמַנִים, אוּן אוּנְזֶער בָּחוּר קוּמְט אַהֵיים פוּן יְשִׁיבָה פוּן אוֹיסְלַאנְד, עֶר אִיז אַ שְׁוֶוערֶער בָּחוּר וָואס אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע בֵּין הַזְּמַנִים וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים לַיידְן מִיר אַסַאךְ פוּן אִים. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוּנְז גֶעבְּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי אִים אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן אֲזַמְּרָה; זוּךְ אוֹיף אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, גוּטֶע נְקוּדוֹת. דוּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן זוּכְן אִין אִים גוּטֶע זַאכְן אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַן עֵסֶק, אִיר זָאלְט בֶּאֱמֶת זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אִין דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט וֶועט אִיר נִישְׁט לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט לַיידְן פוּן אַייךְ, אָבֶּער כָּל זְמַן אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז טַאטֶע אוּן מַאמֶע הַאלְטְן נִישְׁט פוּן אִים, וֶועט אִיר לַיידְן פוּן אִים אוּן עֶר וֶועט לַיידְן פוּן אַייךְ; אִיר דַארְפְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

(דָאס אִיז פְּשַׁט פַארְוָואס מֶען זֶעט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גוּט, אָדֶער פַארְקֶערְט - אִין חֵדֶר זֶענֶען זֵיי גוּט אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לַיידְט מֶען פוּן זֵיי, וִוי קֶען זַיין אַז דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד זָאל זַיין פַארְקֶערְט? דָאס אִיז וַוייל אִין שְׁטוּבּ הַאלְט מֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן וִוי עֶר קֶען זַיין בֶּעסֶער, בְּשַׁעַת וָואס אִין חֵדֶר קוּקְט דֶער מְלַמֵּד אוֹיף אִים שְׁלֶעכְט וֶועט דֶער קִינְד זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט).

פוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין נָאךְ בֶּעסֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רב): ״כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר״, וֶוער עֶס הָאט וֵוינִיג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, ״כִּי כָל מַה שֶׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד״, וַוייל וִוי וֵוינִיגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט אַלְץ מֶער דַארְף מֶען כָּבוֹד; זָאלְט אִיר אִים שְׁטֶענְדִיג הֵייבְּן, וֶועט עֶר וֶועלְן זַיין נָאךְ מֶער, עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, מִיט דֶעם וֶועג פוּן ״אֲזַמְּרָה״ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין; עֶס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַן עֵצָה סֵיי פַאר עֶלְטֶערְן מִיט קִינְדֶער אוּן סֵיי פַאר מְחַנְּכִים צוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יא.): ״בֶּאֱמֶת אָמְרוּ הַחַזָּן רוֹאֶה הֵיכָן תִּינוֹקוֹת קוֹרְאִין״, וֶוער עֶס אִיז אַ חַזָּן עֶר קֶען מַאכְן נִיגוּנִים; דֶער וָואס קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן תַּלְמִיד דֶער קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יוֹם טוֹב סוּכּוֹת תש״פ)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876